## יוסף טונקעל
### (דער טונקעלער)

# די למדנישע בעראַטונגען

צדוק, חנא סאָלאָווייטשיק,
לעכעלמאַן, יאַכנוק און מייטשיק,
יאַנקל קאָלנער און קאַראַסיק,
בוריק, פּוריק און פּינכאַסיק,
זאַק און גאָרגלשטיין --

אַלע הייסע זשאַרגאָניסטן,
שטאַרק פֿאַרברענטע ייִדישיסטן,
איינס אין איינס גאָר סאַמע פּרימע,
אָן אַ סירחה, אָן אַ פּגימה,
כּשר, פֿײַן און ריין, --

האָבן אין אַ טאָג אַ שיינעם
אויפֿגעזאַמלט זיך אין איינעם
און גענומען זיך מיט חשק,
מיט התמדה צו דעם עסק
גרינדן אַ פֿאַראיין.

אַ פֿאַראיין פֿון ייִדישיסטן,
אָן די לשון-קודשיסטן,
מיט אַ שבֿועה -- קיין העברעער
און קיין 'בטלן' זאָל אין זייער
גבֿול נישט טאָרן שטיין,

ניִשט אַרײַן זאָל דער אַפֿילו,
ווער געלערנט האָט חלילה,
אין אַ חדר אַ מתוקן,
אָדער טוט ווען אַרײַנקוקן
אין אַזאַ 'טאַנאַך'.

אײביק, אײביקע מלחמה!
אין פֿאַראײן איז די נשמה,
אין פֿאַראײניקונג איז כּוח,
אין פֿאַרבאַנד איז קאָפּ און מוח
אַחדות איז אַ זאַך!

ווי אין משל דעם באַוווּסטן
מיט דעם אַלטן, רײַכן יוסטן
פֿויער, זיבן זין און גיטער,
מיט דעם בעזעם, מיט די ריטער --
גאָלער שטיק מאָראַל:

אָט די זעלבע טאַקע ריטער --
זענען זײ באַזונדער, שיטער,
בעט פֿאַר זײ אַ הונט אַ ווײַסן,
קאָנסט זײ ברעכן, קאָנסט זײ רײַסן,
וואַרפֿן איבעראַל.

אָבער נעמט מען זײ אין אײנעם
אין אַ בעזעם אין אַ שײנעם,
ענג פֿאַרבונדען, ניִשט צעריסן,
דאַמאָלסט קאָן דער בעזעם שיסן
ווי אַ גענעראַל!

חבֿרה אַרבעט, טוען 'זיצן',
דיספּוטירן, קלערן, שוויצן
וועגן נײַע ווערטער, פֿאָרמען,
וועגן אויסלײגעכץ-רעפֿאָרמען,
וועגן סטיל און כּלל.

די גראַמאַטיק פֿון אַ בלאָטער
און דער פּשט פֿון פּיפּערנאָטער
אין אַ ברייטער רעפֿערענדום:
וועגן 'הענדום', וועגן 'פּענדום'
'פּכע'... און 'פּש' און 'עט'...

דער, צי די, צי דאָס געמייזעכץ,
אַנבעטראַכט [אָנבאַטראַכט] און שאַלאַמייזעכץ,
שטאַנדפּונקט, פּינטלקוק; דער חילוק
פֿון די ווערטער 'וואָלוול', 'ביליג' [ביליק]
'דאַמאָלס' און 'העט-העט'.

ווי צו שרײַבן העברעיִזמען:
אָן איינהאָרע [עין הרע], צאָרע [צרה], פּיזמען [פּזמון],
קלעזמער [כּלי־זמר], באַלעבאָס [בעל־הבית] און טאָנעס [תּענית],
פּאָנים [פּנים], סאָנים [שׂונאים], און ראַכמאָנעס [רחמנות],
כאַסענע [חתונה] און געט [גט].

אין אַן אָוונט אין אַ שיינעם
זאַמלט מען זיך אויף אין איינעם
און מען טראַכט מיט גרויס כּוונה,
ווי מען זאָל דאָס וואָרט 'סכּנה'
אויסלייגן ראַיעל.

טענהט סאָלאָווייטשיק חנא:
דאַכט זיך אַז דאָס וואָרט סכּנה
טוט פֿון לשון-קודש שטאַמען,
דאָך מיר אונדזערע פּראָגראַמען
פֿעלשן נישט אַ האָר : --

מיר, אַלס הייסע זשאַרגאָניסטן
וועלן אויסלייגן אומיסטן,
אויף צולהכעיס די העברעער
און די אַלע ספּאָדיק-דרייער
מיט אַ 'סמך' נאָר.

זאָגט יאַכנוק: לויט מײַן השערה
און מײַן מיינונג, איז אַ סבֿרה,
נאָר צו שרײַבן ס׳וואָרט 'סכּנה'
מיט אַ ׳ס׳. די כּוונה:
ס׳קלינגט האַרמאָניש, העל.

דאָ שטייט אויף ירוחם-גרונים,
גיט דערבײַ אַ נאָס אַ קליינעם,
ברענגט אין אָרדענונג די ברילן,
רוּיִק מיט אַ קול אַ שטילן,
זאָגט ער אָט אַזוי:

״אונדזער ליבער חבֿר חנא
איז אין ספֿק, צי 'סכּנה'
קומט אַרויס פֿון לשון-קודש.
איך, איך קאָן אײַך זאָגן עדות
איך ווייס עס גענוי.

קלאָר, דאָס וואָרט שטאַמט פֿון העברעיִש!
און דאַרום, לכל הדעות,
דאַרף עס ווי אין שורש בלײַבן,
אַל-פּי דקדוק דאַרף מען שרײַבן
ריכטיק מיט אַ שין.

נישט אַ שין (איך וויל זײַן לאָגיש)
נאָר אַ שׂין; אַזוי דעם דגוש
זאָל דאָס לינקע קעפּל טראָגן,
ווי אַ ׳ ׂסין׳ זאָל מען עס זאָגן –
׳שׂמאל׳ און נישט ׳ימין׳.״

עולם הערט אַזעלכע תּורה --
ווערט צעבושעוועט אַ מורא!
ליאַרעמט, שטורעמט, פֿלאַקער-פֿײַער:
אַ העברעער גאָר אַ נײַער
דאָ אויף אונדזער קאָפּ!

נאַ דיר גאָר אַ גאַנצער ווייסער!
אַ בעל-דקדוק גאָר אַ גרויסער!
ווייס פֿון אַלע כּללים האַרבע
פֿול מיט תּורה און 'ישוואַרבע' [עשׂרים־וארבע]
ווי אַ פֿולער טאָפּ.

נידער מיט ירוחם-גרונים,
דעם אַזוינעם און אַזוינעם!...
און ירוחם דער אַזוינער
פֿליט שוין מיט זייַן פּעקל ביינער
פֿון די טרעפּ אַראָפּ.

---

[את המלים בסוגרים מרובעים הוסיף העורך ל.פ.]

Copyright © 2005 Leonard Prager
All Rights Reserved